בסייעתא דשמיא

# קרית ברסלב בלומעל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת וירא, י"ח חשון תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ח'

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.........................4:20
מוצאי שבת קודש.....................5:49

## א מעשה פון תפלה

### יצחק אהרן וויינבערג

די לעצטע פאר חדשים איז איינע פון מיינע קינדער אריינגעקומען ביי מיר אין שטוב יעדע נאכט און געוויינט און פארפירט, עס איז זייער שווער געווען אזוי אנצוגיין, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך סטאפן און זי זאל מער נישט קומען יעדע נאכט, און איין שיינעם טאג האט זיך עס ברוך השם געענדיגט און זי שלאפט דורך די נאכט זייער שיין.

### הערשל שניטצלער

עס פלעגט זיך דרייען ביי מיין דירה קליינע ווערעם און בָּאגס, עס האט מיר זייער געשטערט אבער איך האב נישט געהאט יעצט די געלט צו צאלן פאר א קאמפאני זאל קומען רייניגן די הויז פון די אלע חיות, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל פטור פון דעם און די אייבערשטער האט געהאלפן אז מיין לענדלארד האט איין שיינעם טאג גערופן א קאמפאני צו רייניגן די גאנצע הויז פון אלע מיני חיות.

### יעקב משה אינדארסקי

פרייטאג צונאכטס נאכ'ן דאווענען איך קום אהיים און איך זעה אז מיין הויז איז צוגעשפארט, וואס טוט מען דא? מיין ווייב שלאפט גאנץ ווייט פון די טיר במילא איז עס כמעט נישט שייך אז זי זאל הערן קלאפן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן און די אייבערשטער האט געהאלפן אז מיין ווייב האט יא געהערט מיין קלאפן ברוך השם.

## נייעס אין שטעטל

### קאנסטראקציע אינערהאלב די מוסדות

די לעצטערע פאר וואכן איז פארגעקומען רענאוואציעס דא אין שטעטל, אנגעהויבן מיט'ן איבערפיקסן אלע איינצעלהייטן צו קענען האבן די בנינים פאר די מוסדות לעגאל ווי עס דארף זיין, ווי אויך האט מען אהער געשטעלט די פלאץ ווי עס איז יעצט די סקול מיט שיינע קלאס צומערן און ווי אויך אלע צוגעהערן וואס עס פעלט זיך אויס. ווי אויך האט מען אהערגעשטעלט א בנין פאר א נייע מקוה עס זאל האבן גענוג פלאץ און עס זאל זיין פיין ווארים פאר די ווינטער חדשים, דאס אלעס האבן די אינגעלייט אין שטעטל אליין אהערגעשטעלט בסבר פנים יפות אלעס עס זאל זיין באקוועם פאר די קינדערלעך און פאר די איינוואוינער אין דעם שטעטל.

### חסד אין שטעטל אויף א גרויס'ן פארנעם

עס איז נישט צום באשרייבן די חסד וואס עס קומט ארויס דא אין שטעטל, אנגעהויבן מיט דעם וואס יעדע וואך ווערט צוגעשטעלט עסן מיט א ברייטקייט פאר יעדן איינעם אן קיין אויסנאם, ווי אויך טיילט מען יעדע שטיק צייט שיינע קליידער פאר די קינדער פאר ווער עס נויטיגט זיך, ווי אויך דערקענט זיך די אחדות ביי יעד'ן פרט ופרט, ווען אימער איינער נויטיגט זיך אין עפעס קומט מען אים גלייך אנטקעגן מיט הילף אפילו עס זאל זיין טיף אינמיטן נאכט, ווי למשל דעי וואך איינע פון די נעכט האט זיך אפגעהאקט די לעקטער אינמיטן נאכט ביי צוויי איינוואוינער אין שטעטל, גלייך איז מען שוין געווען גרייט מיט הילף דער מיט אנטראגן זיין דירה צו שלאפן, דער מיט שלעפן ווייערס, דער מיט קאלן די עלעקטריק קאמפאני, עס איז ממש מקוים געווארן וואס די הייליגע רבי האט געזאגט אז די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די אהבה וואס עס איז דא צווישן מיינע מענטשן.

**מודעה**

צו מאכן א באס טשעינדש פאר אייער קינד אדער פאר אלע אנדערע פראגעס און אנגעלעגנהייטן קענט איר זיך פארבונדן צו די אדמיניסטראציע אפיס אויף 347-988-5253

# ברייוו פון דעם
# ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דִיר צוּ זֶען לֶערְנֶען אִין **כּוֹלֵל בּוֹקֶר** זֶעקְס אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס אַזוֹי פְלַייסִיג בְּהַתְמָדָה רַבָּה.

אִיךְ הָאבּ בְּדַוְקָא נִישְׁט גֶעזָאגְט פָארְאוֹיס אַז אִיךְ גֵיי קוּמֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זֶען וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס אַ פָּשׁוּט'עֶ טָאג אָן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה; אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער מִיט מַיין אַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאף צוּ פּוֹעֵל'ן בַּיי נָאךְ אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן קוּמֶען לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל פַּאר'ן דַאוֶונֶען; עֶס מוּז נִישְׁט זַיין אַז אַלֶע זָאלְן לֶערְנֶען דֶעם לִימּוּד הִלְכוֹת טָהֳרָה - טוּר, בֵּית יוֹסֵף, בַּ"ח, שֻׁלְחָן עָרוּךְ וְכוּ'. אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ נָאךְ אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן קוּמֶען לֶערְנֶען פַּארְטָאגְס זֵייעֶרֶע פְּרִיוַואטֶע שִׁיעוּרִים, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, וַוייל דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען הוֹיבְּט דָאס אָן מִיט תּוֹרָה.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַּאר דַיין וַוייבּ, זָאל זִי אוֹיךְ הֲנָאָה הָאבְּן אַז אִיר מַאן לֶערְנְט פְלַייסִיג. זָאג אִיר אַז אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אִיר בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דִי שְׁכִינָה רוּט צְוִוישְׁן אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

זָאג דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אַז וִוי מֶער זִי וֶועט טוּן פַּאר'ן רֶבִּי'ן, אַלְץ מֶער כֹּחַ וֶועט זִי הָאבְּן.

בִּכְלָלִיּוּת אִיז דָאס אַן עֵצָה פַּאר כֹּחַ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט לֵיידִיג מַאכְט דָאס אִים דִיפְּרֶעסְט אוּן מֶען פַּארְלִירְט דִי גַאנְצֶע כֹּחַ, וְוִידֶער וֶוען מֶען גֵייט נִישְׁט לֵיידִיג, מֶען אִיז פַּארְנוּמֶען - דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן דָאס בְּרֶענְגְט כֹּחַ.

בִּפְרַט וֶוען מֶען אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט גָאר גוּטֶע אוּן וִויכְטִיגֶע זַאכְן, מֶען הֶעלְפְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וָואס פַּארְשְׁפְּרֵייטְן עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַּאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען אִיז פַּארְנוּמֶען צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין רֶגַע לֵיידִיג, - דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען הִימְלִ'ישֶׁע כֹּחוֹת פַּאר אַלֶעס, מֶען בַּאקוּמְט אַ בְּרָכָה אִין דִי צַייט אוּן אַ בְּרָכָה אִין אַלֶעס.

דוּ וואוֹינְסְט דָאךְ אִין אַזַא שֵׁיינֶע הֵיילִיגֶע פְּלַאץ "**קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**", עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ דָארְט אַ רֵיחַ אַזוֹי וִוי "**יַבְנְאֵל**", מֶען שְׁפִּירְט דָארְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין דָארְט צְוִוישְׁן דִי פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.


Abraham Weberman
Loan officer – NMLS # 1695646
Email- Aweberman@oep.mortgage
Cell. 347.932.4432
86 Route 59 Suite 202C
Spring Valley NY, 10977

ONYX
Equity Partners

Onyx Equity Partners Corp. NMLS# 1371935
Registered Mortgage Broker - NYS Department of Financial Services
Broker arranges mortgage loans with third-party providers.

HURLEYVILLE
LEASING
AUTO SALES & LEASING
845.720.0041
SALES@HURLEYVILLELEASING.COM